ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## חוקת

**(חלק כח שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת חוקת, ג־ט תמוז, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# חוקת

א. אין הלכות פרה אדומה[1] זאָגט דער רמב״ם: ותשע פרות אדומות נעשו משנצטוו במצוה זו עד שחרב הבית בשניי׳ ראשונה עשה משה רבינו שניי׳ עשה עזרא ושבע מעזרא עד חורבן הבית והעשירית יעשה המלך המשיח[2] מהרה יגלה אכי״ר.

דער מקור פון רמב״ם איז אין משנה[3] וואו עס ווערט געבראַכט אַ פלוגתא וויפל פרות אדומות עס זיינען געמאַכט געוואָרן ביז חורבן בית שני — צי שבע אָדער תשע (און די משנה רעכנט אויס „מי עשאם״), און דער רמב״ם פסק׳נט (כדעת חכמים) אַז עס זיינען געווען תשע און איז דערנאָך מוסיף „והעשירית יעשה המלך המשיח כו׳״.

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: דער ספר היד איז ניט אַ ספר פון דברי ימי ישראל, נאָר אַ ספר פון הלכה (ווי דער רמב״ם זאָגט בהקדמת הספר) — איז למאי נפק״מ אין אַ ספר של הלכה[4] דער מספר הפרות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן במשך הדורות? ובפרט (בלשון הש״ס[5]) „מאי דהוה הוה״.

נאָך מער איז די תמי׳ בנוגע דעם סיום דברי הרמב״ם „והעשירית יעשה המלך המשיח מהרה יגלה אכי״ר״ — וואָס דאָס ווערט ניט דערמאָנט אפילו במדרז״ל שי״ל שהם המקור דהרמב״ם[6]!

בנוגע דער עצם ההוספה „והעשירית יעשה המלך המשיח״ קען מען מסביר זיין (עכ״פ בדוחק), וויבאַלד אַז דער רמב״ם ברענגט בספרו אויך הלכתא למשיחא, זאָגט ער אַז מלך המשיח וועט אויך מאַכן אַ פרה אדומה[7]; אָבער עס בלייבט תמוה וואָס דער רמב״ם איז דערנאָך מוסיף „מהרה יגלה אכי״ר״ — אַריינשטעלן בספר הלכה[8] אַ בקשה ותפלה אויף ביאת המשיח?

---

1) ספ״ג.

2) ע״ד „עשה משה רבנו״ (והבפועל — ע״י אלעזר הכהן) כי הוא „רבנו״ והורה וציווה כו׳, ועד״ז הבפועל דפרה העשירית ע״י כהן אבל ההוראה והציווי ע״י יו״ח דדוד כי הוא המלך המשיח.

3) פרה פ״ג מ״ה.

4) משא״כ במשנה שלפעמים הובאו ענינים שאינם הלכה. — אבל ראה משנה אחרונה שם (שמתרץ למאי נפק״מ „מי עשאן״). ולהעיר מתוי״ט שם מ״ג (ד״ה וזורקו).

וי״ל שידיעת מספר הפרות נפק״מ (בזמן בית שני) בההלכה (פרה שם מ״א) ד„מזין עליו . . מכל חטאות שהיו שם״ (אלא שאם „לא מצאו משבע עושין משש כו׳ ומאחת״ — שם מ״ה). — וברמב״ם ראה לקמן סוס״ב (ובהערה 25).

5) יומא ה, ב. ועוד.

6) וצ״ע וחיפוש מקורו דהרמב״ם. ולהעיר מאוה״ת שה״ש בתחלתו: וראיתי בספר א׳ שהעשירית תהי׳ לימות המשיח (ראה הערה 2). ולהעיר מכו״כ ענינים שהעשירי בימוה״מ (או ע״י משיח) — שירה העשירית, מנין העשירי דבנ״י וכו׳, כיבוש ארץ עשר אומות, עשר נימין דכינור דביהמ״ק וכו׳. וראה מדרש מעשה תורה אות יו״ד.

— ובקרית ספר (להמבי״ט) על הרמב״ם כאן, מוסיף (על ל׳ הרמב״ם — „והעשירית . . מהרה יגלה״): כנגד עשרה פסוקים שיש מתחלת פרשת פרה עד לחוקת עולם שהם בעניין עשיית הפרה.

7) אבל לכאורה דוחק, כי מאי קמ״ל שמלך המשיח יצווה שיקוים ציווי התורה לעשות פרה אדומה?

8) משא״כ כשמוסיף הרמב״ם בפיה״מ (סנהדרין פ׳ חלק ד״ה וכת שני׳), וכן באגרת תימן (וכ״ה גם במקור הערבי שם — ראה הוצאת קאפח) תפלה זו

[אין ספר היד דאַרף דער רמב״ם זאָגן דעם דין אַז אַ איד דאַרף מתפלל זיין אויף ביאת המשיח[9] (און ער ברענגט טאַקע אין סדר תפלות שלו[10] דעם נוסח פון תפלת י״ח, וואָס אַנטהאַלט („שאלת[11] כל הדברים שהן כמו אבות לכל חפצי איש ואיש ולצרכי הציבור כולן״, כולל) די תפלות אויף ביאת המשיח) — אָבער וואָס פאַר אַן אָרט האָט עס אַז דער רמב״ם זאָל אַריינשטעלן בספר היד[8] זיין תפלה אויף ביאת המשיח?].

אפילו את״ל אַז עס האָט יע אַן אָרט, וואָלט דאָס געהאַט, לכאורה, מער אָרט ווען דער רמב״ם טוט עס אין די פרקים וואו די „סוגיא״ איז וועגן מלך המשיח — אין די לעצטע צוויי פרקים פון (הלכות מלכים[12] — ) ספר היד, וועלכע ריידן וועגן משיח וימות המשיח[13] (ביז אַז עס זיינען פאַראַן דרוקן פון רמב״ם[14] וואו די כותרת פון די צוויי פרקים איז „הלכות מלכים ומלחמות ומלך המשיח״)

— איז דאָרטן געפינט מען ניט אַז דער רמב״ם זאָל אַריינשטעלן אַ בקשה ותפלה אויף ביאת המשיח; און דוקא דאָ אין הלכות פרה אדומה, וואו די „סוגיא״ איז ניט וועגן משיח'ן נאָר וועגן פרה אדומה (און דער ענין פון משיח קומט אַריין נאָר בדרך אגב) — איז דער רמב״ם מוסיף אָט די תפלה?!

ב. ווערט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם אַ שינוי אין דעם אופן ווי דער רמב״ם ברענגט דעם ענין — לגבי ווי עס שטייט אין משנה:

אין משנה ווערט געבראַכט וועגן די שבע (או תשע) פרות אדומות בהמשך צום דין „לא מצאו משבע עושין משש כו׳״. אין אָנהויב פרק[15] זאָגט די משנה אַז מ'איז מפריש דעם כהן השורף את הפרה מביתו שבעת ימים און „מזין עליו כל ז׳ הימים מכל חטאות שהיו שם״ (מאפר כל פרות אדומות אשר נעשו מימות משה כו׳[16]). און בהמשך לזה[17] זאָגט די משנה „לא מצאו משבע עושין משש וכו׳״, און דערנאָך איז די משנה ממשיך „ומי עשאם הראשונה עשה משה כו׳״;

דאַקעגן אין רמב״ם קומט דער ענין בהמשך צו אַן אַנדער דין[18] — „ושלשה[19] חלקים היו חולקין את כל אפרה, אחד ניתן בחיל ואחד בהר המשחה ואחד מתחלק לכל המשמרות, זה שמתחלק לכל המשמרות היו הכהנים מקדשין ממנו וזה שניתן בהר המשחה היו ישראל מזין ממנו וזה שניתן בחיל הי׳ מוכן ומוצנע שנאמר[20] והיתה לעדת

---

„מהרה יגלה״. וראה בחיי ריש פרשתנו, שמונה עשר הפרות כו׳ ומסיים „עשירית עתיד לשרוף מלך המשיח במהרה בימינו״. ולהעיר מרמב״ן פרשתנו (יט, טז בסופה) „ואנחנו בעונותינו טמאי הגלות כו׳ עד יערה עלינו כו׳ אמן וכן יהי רצון במהרה בימינו״.

9) ראה פיה״מ סנהדרין שם (היסוד הי״ב) — בתרגום קאפח (משא״כ בפיה״מ לפנינו) — „ולהתפלל לבואו״.

10) בסו״ס אהבה. וראה הל׳ תפלה פ״ב ה״ג.

11) ל׳ הרמב״ם שם פ״א ה״ד.

12) פי״א־יב.

13) או לפנ״ז — בהלכות תשובה פ״ט ה״ב.

14) וינציאה (רפד. שי).

15) שם מ״א.

16) ל׳ הרמב״ם בפיה״מ שם. ועד״ז בר״ש ורע״ב שם. רש״י יומא ד, רע״א.

17) ראה מפרשי המשניות שם.

18) ודין הנ״ל שבמשנה (שמזין מכל החטאות כו׳) הובא ברמב״ם לפנ״ז (פ״ב ה״ו).

19) והוא ממשנה פרה ספ״ג ותוספתא שם ספ״ג.

20) פרשתנו יט, ט.

בני ישראל למשמרת מלמד שמצניעין ממנו, וכן היו מצניעין מאפר כל פרה ופרה ששורפין בחיל" — ובהמשך לזה זאָגט דער רמב"ם „ותשע פרות כו'".

וואָס דאָס איז אַ חילוק עיקרי אין תוכן הענין:

לויטן סדר אין משנה, קומט דער ענין (וועגן די פרות שנעשו במשך הדורות) בהמשך צו עשיית הפרה צוליב דעם שימוש באפר הפרה (אַז מ'איז מזה פון דעם אפר הפרה אויף דעם כהן השורף את הפרה[21]);

משא"כ אין רמב"ם קומט עס בהמשך צום דין אַז מען מוז מצניע זיין „מאפר כל פרה" עס זאָל זיין למשמרת. דער דין פון „למשמרת" איז — אין מקרא יוצא מידי פשוטו — ניט נאָר בכדי עס זאָל זיין מוכן להזאה[22], נאָר עיקר ענינו איז (כשמו) — אַז דער אפר זאָל זיין מוצנע למשמרת. דער חלק פון אפר איז ניט נאָר אַ חיוב אַלס אַ טייל פון הזאת פרה אדומה, נאָר ס'איז אַ באַזונדער דין אַז דער אפר פון יעדער פרה מוז זיין מוצנע למשמרת (אפילו ווען מ'וואָלט עס ניט געדאַרפט צוליב הזאה לטהר מטומאת מת).

בסגנון אחר (ובעומק יותר): דער תוכן החיוב פון „למשמרת" איז — אַז עס זאָל שטענדיק זיין אפר „מוכן ומוצנע"[23], ובלשון הרס"ג[24] „ופרה למשמרת בתדר" [וואָרום דאָס איז דער מושג ותוכן פון „למשמרת", אַז די זאַך איז משומר באופן אַז עס איז שטענדיק פאַראַן]. קומט אויס, אַז „למשמרת" איז ניט (נאָר) אַ באַזונדער חיוב אויף יעדער פרה אַז מען דאַרף מצניע זיין אַ טייל פון איר אפר למשמרת (ע"ד ווי מען דאַרף פון דעם אפר נעמען אַ חלק פאַר די כהנים און אַ חלק פאַר כל ישראל) — נאָר דאָס איז (אויך) אַ חיוב כללי

21) וכן על הכה"ג לפני יוהכ"פ (ראה פרה שם מ"א. יומא ח, א. וש"נ).

22) אף שלכאורה ג"ז נכלל בו, כדיוק לשון הרמב"ם „מוכן ומוצנע" (וראה הערה הבאה) — ראה מפרשים למשנה פרה שם (וכן בפיה"מ להרמב"ם) שהיו מזין על הכה"ג וכהן השורף את הפרה מן האפר המוצנע (בחיל) למשמרת. וכ"ה בפרש"י יומא שבהערה 16. וראה בארוכה ביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ הרס"ג פרשה מה (קצא, א).

אבל להעיר שבס' היד (הל' פרה אדומה פ"ב ה"ד ואילך. וכן בהל' עבודת יוהכ"פ פ"א ה"ד) לא נזכר (בפירוש) שהוא מהאפר הנתון בחיל. וראה פרש"י עה"ת פרשתנו (יט, ט). תוי"ט שם ספ"ג. וראה ס' השיחות תשמ"ט ח"א (קה"ת תש"נ) ע' 343 הערה 10. וש"נ. ואכ"מ.

23) ולהעיר מלשון הרמב"ם בסהמ"צ (מ"ע קיג) שמצות פרה אדומה היא „שיהי' אפרה מזומן למי שיצטרך אליו" (וכ"כ במנין המצות בריש ספר היד „להיות אפרה מוכן").

אבל שם הכוונה שיהי' מוכן (כלשונו בסהמ"צ שם) „לטהרת טומאת מת" (היינו השימוש בו בפועל, שזהו עיקר מטרת עשיית פרה אדומה); משא"כ החלק שמוצנע למשמרת, עיקר ענינו הוא — עצם מציאותו במקום מוצנע כו'.

24) בסהמ"צ שלו שם*. — ולהעיר מפרש"י פרשתנו מר' משה הדרשן (בסוף פרשת פרה אדומה) „למשמרת, כמו שפשע העגל שמור לדורות".

*) וראה בביאור הרי"פ פערלא שם, שכוונת הרס"ג היא לחלק שנתון בחיל (כדחז"ל שעל חלק זה נאמר „למשמרת"). אלא ששם ביאר שזהו עיקר המצוה כי ממנו מזים על הכה"ג. ע"ש. וזה דוחק כמשנ"ת בלקו"ש חט"ז ע' 418 ואילך. אבל ע"פ המבואר בפנים י"ל, שכוונת הרס"ג (גם) לחלק שנתון בחיל **למשמרת** (ולא לשימוש), שזהו ענין **עיקרי** בפרה אדומה, כבפנים. וראה גם ס' השיחות תשמ"ט שם בארוכה.

(**בהפרה**) ותמידי[25], **אַז עס דאַרף** שטענדיק **זיין אפר הפרה מוצנע „למשמרת"**.

**ג. עפ"ז יש לומר, אַז דאָס איז אויך כוונת הרמב"ם מיט זיין ברענגען וועגן די „תשע פרות" וואָס מ'האָט געמאַכט מזמן משה ביז חורבן בית שני:**

**נאָך דעם ווי דער רמב"ם ברענגט אַז ס'איז דאָ דער חיוב פון מצניע זיין אפר פרה „למשמרת", וואָס איז אַ חיוב** תמידי (**כנ"ל**) **— וויל דער רמב"ם ברענגען אַ חיזוק לדבריו, אַז מ'האָט מקיים געווען אָט דעם חיוב במשך** כל **הדורות; און דערפאַר ברענגט ער אַראָפּ וואָס עס שטייט אין משנה וועגן די תשע פרות, פון וואָס מען זעט, אַז מ'האָט תמיד געהאַט אפר הפרה**[26] **(וכדיוק לשון הרמב"ם — „תשע פרות אדומות נעשו** משנצטוו במצוה זו עד שחרב הבית בשניי'" **— ס'איז תמיד געווען אפר הפרה „למשמרת")**.

[וע"ד **ווי דער רמב"ם ברענגט אין אָנהויב הלכות בית הבחירה**[27] **וועגן דעם „משכן שעשה משה רבינו" און די** פרטי **השתלשלות שבזה (משכן שהעמידו בגלגל, משכן שילה, נוב גבעון) ביז נבנה המקדש בירושלים — דלכאורה איז אויך דאָרטן די שאלה „מאי דהוה הוה"?**

**האָט מען שוין אַמאָל מבאר געווען**[28]**, וויבאַלד אַז דער רמב"ם**[29] **האַלט אַז דער ציווי אויף בנין בית המקדש ווערט אָפּגעלערנט פון פסוק**[30] **„ועשו לי מקדש" (וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין מדבר, איידער אידן זיינען אַריין אין א"י), קומט אויס, אַז דאָס איז אַ מצוה** תמידית **אויף אַלע זמנים. און דעריבער ברענגט דער רמב"ם די אריכות וועגן דעם משכן וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט במשך הדורות (ביז „נבנה המקדש בירושלים") — צו באַווייזן אַז „ועשו לי מקדש" איז אַ מצוה תמידית און מ'האָט**

25) **ועפ"ז נמצא, שלגבי החיוב ד„למשמרת" כל העשר פרות אדומות הן כמו חפצא** אחת, **שע"י כולם יש אפר פרה „למשמרת" תמיד [ויומתק עפ"ז טעם החיוב להזות על הכהן השורף את הפרה „מכל חטאות שהיו שם" (ורק אם לא מצאו מכולם מזין (עכ"פ) מאחת, כנ"ל הערה 4)].**

**ובזה יומתק (ע"ד הרמז) שמביא הרמב"ם גם** מספר **הפרות (ולא רק מתי נעשו כו') — כי בזה שהן** עשר **פרות, שהוא מספר (אחד) שלם, עשירי'** אחת***, מודגש שכולן יחד הן חפצא אחת. ולהעיר מלשון הרמב"ם „**והעשירית **יעשה כו'" (ולא — „והמלך המשיח יעשה עשירית").**

26) **ולהעיר ממחז"ל (במדב"ר פרשתנו פי"ט, ו (ובידי משה ופי' מהרז"ו שם). הובא גם בפרש"י יומא שבהערה 16) דאפר פרה של משה קיים לעולם. וראה תוי"ט פרה שם מ"ג. משנה אחרונה שם מ"ה. גו"א ושפ"ח לפרש"י פרשתנו (יט, ב). של"ה חלק תושב"כ דרוש לפ' פרה (שנט, ב).**

**ועפ"ז יומתק זה שהרמב"ם הזכיר רק משה ועזרא (ולא כל אלה שעשו שאר הפרות, אף שנזכרו במשנה שם) — כי משה ועזרא מדגישים ענין הנצחיות, דמעשה ידי משה נצחיים (ראה סוטה ט, סע"א), וכנ"ל דאפר פרה שלו לא כלה — וראה לקו"ש חל"ג ע' 127 ואילך; ועזרא שקול כמשה (ראה סנהדרין כא, סע"ב). ולהעיר מרמב"ם הל' ביהב"ח (ספ"ו) שדוקא כיבוש וקידוש עזרא קדשה לעתיד לבא.**

27) **פ"א ה"א־ב.**

28) **לקו"ש חט"ז ע' 304. ע"ש באורך.**

29) **שם ה"א.**

30) **תרומה כה, ח. — ולא מן הפסוק „לשכנו תדרשו גו'", „והי' המקום אשר יבחר ה' גו'" (פ' ראה יב, ה. שם, יא) — ראה כס"מ לרמב"ם שם. לח"מ ריש הל' מלכים. לקו"ש שם ע' 298 ואילך ובהנסמן שם.**

*) להעיר מהראב"ע לשמות ג, טו. ס' הפרדס שער ב. ועוד.

דעם ציווי מקיים געווען במשך כל הדורות (אויך לפני שבאו לירושלים)].

און וויבאַלד אַז דער רמב״ם האָט אַריינגעשטעלט בספרו אויך הלכתא למשיחא, כנ״ל — מוז ער דאָך אויך ברענגען (ניט נאָר ווי ס׳איז געווען „עד שחרב הבית בשניי״, נאָר אויך) ווי מ׳וועט מקיים זיין דעם ציווי ב„בנין העתיד להבנות״[31] — „והעשירית יעשה המלך המשיח״[32].

דערמיט וואָלט מען אויך געקענט מבאר זיין פאַרוואָס דער רמב״ם איז מוסיף „מהרה יגלה״: וויבאַלד עס איז דאָ אַ חיוב תמידי עס זאָל זיין אפר פרה „למשמרת״, קומט אויס, אַז מצות פרה אדומה „מאָנט״ אַז עס זאָל וואָס שנע־לער זיין גילוי המשיח, כדי מ׳זאָל קענען מאַכן אפר הפרה[33]. וואָרום בכל רגע ורגע ווען ס׳איז ניטאָ אפר פרה אין קיין אָרט ניט וואו אידן געפינען זיך און היטן עס, פעלט אין דעם (שלימות) קיום הציווי אַז עס דאַרף תמיד זיין אפר פרה „למשמרת״[34].

ד. דאָס איז אָבער נאָך ניט קיין ביאור מספיק — ווייל פשטות לשון הרמב״ם איז דאָך — אַז דאָס איז אַ בקשה ותפלה אויף גילוי המשיח, און ווי דער רמב״ם זאָגט בפירוש „אכי״ר״[35]. בלייבט די תמי׳: ווי פאַסט אַריין אין ספר היד אַ תפלה אויף ביאת (וגילוי) המשיח?

מוז מען זאָגן, אַז דערמיט איז דער רמב״ם מרמז אַן ענין של הלכה. וכידוע אַז דרכו של הרמב״ם איז צו מרמז זיין הלכות בדיוק לשונו ודיוק סדר ההלכות (ובפרט ווען די הלכה איז אַ חידוש פון רמב״ם וואָס שטייט ניט בפירוש אין ש״ס וכו׳).

ועד״ז בנדו״ד: דאָס וואָס דער רמב״ם איז (א) מוסיף אַ תפלה וועגן ביאת (וגילוי) המשיח, און (ב) שטעלט עס אַריין ניט במקומו (לכאורה) אין „הלכות משיח״ נאָר דוקא אין הלכות פרה אדומה (וואו דער ענין פון משיח קומט בדרך אגב) — קומט לערנען אַן ענין של הלכה.

ה. ויש לומר הביאור בזה:

בנוגע דעם חיוב צו גלויבן אין ביאת המשיח פסק׳נט דער רמב״ם אין הלכות מלכים[36] „וכל מי שאינו מאמין בו או מי

31) ל׳ הרמב״ם הל׳ ביהב״ח שם ה״ד.

32) וראה לעיל הערה 25 בסופה.

33) עפ״ז יומתק שנקט הרמב״ם ל׳ „מהרה יגלה״ (ולא — „יבוא*) — כי)** גילוי המשיח מורה על המצב ד„משיח ודאי״, שזהו דוקא לאחרי בנין ביהמ״ק כו׳ (רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ד), ומכיון שלעשיית האפר צ״ל ביהמ״ק (ראה רמב״ם הל׳ פרה אדומה פ״ד ה״ה), הרי שבשביל עשיית האפר צ״ל „מהרה יגלה״ דוקא.

*) כלשון הרגיל בכ״מ **ביאת** המשיח. וכ״ה לשון הרמב״ם הל׳ תשובה פ״ג ה״ו. הל׳ נזירות פ״ד הי״א. הל׳ מלכים רפי״א. פי״ב ה״ב. — משא״כ בהנסמן לעיל הערה 8. וי״ל שהוא ע״פ ל׳ חז״ל (סוכה נב, א) „משיח בן דוד **שעתיד להגלות במהרה בימינו**״.

**) ואולי מרמז בזה הרמב״ם לזה שאפרו של פרת משה קיים לעולם ולעת״ל **יגלה** האפר (ויקדשו (גם) ממנו כו׳) — ראה הנסמן בהערה 26.

34) וע״פ הנ״ל הערה 25 שכל הפרות הן כמו חפצא אחת — נמצא, שכל זמן שחסר אפר פרה מסוימת — חסר בה„למשמרת״ של הפרות הקודמות. ואכ״מ.

35) אבל להעיר שבדפוס רומי רמ ליתא. וכן ליתא במדרש הגדול פרשתנו יט ט. קרית ספר על הרמב״ם כאן.

36) פי״א ה״א.

שאינו מחכה לביאתו .. הוא כופר .. בתורה ובמשה רבינו". ד.ה. ס'איז ניט גענוג צו גלויבן אין ביאת המשיח, נאָר מ'איז מחוייב צו האָפן און וואַרטן אויף ביאת המשיח.

וא"כ הוא מובן, אַז כשם ווי דער ענין האמונה בביאת המשיח איז אַן ענין תמידי, עד"ז איז דער חיוב פון „מחכה לביאתו" אַ חיוב תמידי, אַ איד דאַרף שטענדיק האָפן און וואַרטן אויף משיח'ן, און נאָכמער, ווי מען זאָגט אין דאַווענען — „כי לישועתך קוינו כל היום".

דער ענין פון „מחכה לביאתו" וואָס כפשטות לשון ההלכה איז עס אַ הרגש (ניט אַ ידיעה בעלמא) קומט דערפון וואָס אַ איד פילט אַז ער קען ניט האָבן קיין שלימות בלי ביאת המשיח, ובמילא שטייט ער אין אַ תקוה תמידית לביאת המשיח, פילנדיק אַז אָן דעם איז ער אַ „חסר". און דערפון פאַרשטייט מען, אַז בשעת איינער — וועלכער איז מחכה אויף ביאת המשיח — דערמאָנט אַן ענין בשייכות צו משיח'ן, אפילו עס זאָל זיין בדרך אגב — קען ער דאָס ניט „פאַרביי־גיין", נאָר דאָס איז ביי אים גלייך מעורר רגשי הצפי' צו משיח'ן, ווערט עס צרכו[37], דאַרף ער מתפלל זיין ע"ז, זאָגן אַ תפלה אויף מילוי חסרונו[38] — ער זאָל זוכה זיין מהרה, בהקדם, תיכף צו ביאת המשיח.

און דאָס איז כוונת הרמב"ם מיט (א) אַריינשטעלן די תפלה „מהרה יגלה אכי"ר" בכלל, און (ב) אַריינשטעלן „מהרה", וואָס פריער, און (ג) דוקא שלא במקומה, אין הלכות פרה אדומה — דערמיט איז דער רמב"ם מדגיש אַ הלכה, אויף וויפל עס דאַרף זיין דער „מחכה לביאתו", אַז אפילו ווען דער ענין פון משיח קומט אַרויף בדרך אגב, אין אַן אַנדער ענין[39], דאַרף עס גלייך אַרויסרופן ביי אַ אידן אַ תפלה „מהרה יגלה אכי"ר"!

[וכמובן האָט ניט קיין אָרט צו פרעגן: פאַרוואָס איז דער רמב"ם מוסיף די תפלה („מהרה יגלה אכי"ר") דוקא אין הלכות פרה אדומה און ניט יעדער מאָל ווען ער דערמאָנט אין ס' היד וועגן משיח'ן? — ווייל, כנ"ל, דער רמב"ם איז אַ ספר הלכה, ד.ה. אויף צו מודיע זיין הלכות התורה. ועד"ז בעניננו: דאָס וואָס דער רמב"ם איז מוסיף די תפלה איז (ניט אַ פרט אין הנהגת הרמב"ם — וואָס דעמאָלט האָט אַן אָרט די שאלה אַז דער רמב"ם האָט זיך אַזוי געדאַרפט פירן בכל פעם ופעם — נאָר) כדי צו מודיע זיין די הלכה שבזה; ובמילא טוט מען דאָס איין מאָל (אַזוי ווי אַלע אַנדערע הלכות אין ספר היד וועלכע מען זאָגט בלויז איין מאָל)[40].]

37) ראה רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ב „חיוב מצוה זו כך הוא שיהא אדם כו' ואח"כ שואל צרכיו שהוא צריך להם בבקשה ובתחנה" (וראה שם ה"ד — נעתק לעיל סעיף א). וראה סהמ"צ להצ"צ שורש מצות התפלה בתחלתו (וש"נ).

38) שזוהי מצות (ותוכן ענין) התפלה — בקשת צרכיו — כבהערה הקודמת.

39) ומה שהודיע הלכה זו דוקא כאן בהל' פרה אדומה (ולא כשנזכר ביד ע"ד משיח בפעם הא') — כי בוחר במקום שיש שייכות בתוכן כו', כדלקמן סעיף ו.

40) דוגמא לדבר — גם בפרש"י עה"ת (פשוטו של מקרא): אלה תולדת נח נח איש צדיק (ר"פ נח), ובפרש"י „הואיל והזכירו ספר בשבחו שנאמר (משלי י, ז) זכר צדיק לברכה" — ומ"מ לא מצינו

ו. אַלע עניני התורה זיינען מדוייק בתכלית. דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס וואָס דער רמב״ם איז מודיע די הלכה (בנוגע דעם אופן החיוב פון „מחכה לביאתו״) אין הלכות פרה אדומה — כאָטש דער ענין פון משיח׳ן ווערט שוין דערמאָנט אין רמב״ם לפני הלכות פרה אדומה[41] (אויך דאָרט בדרך אגב) — איז עס צוליב אַ תוכנ׳דיקער שייכות[41*] וואָס איז פאַראַן צווישן דעם ענין פון אפר פרה מיט ביאת (וגילוי) המשיח.

די הסברה בזה[42]:

דער כללות ענין הגלות איז אַ מצב פון טומאת מת. נוסף אויף דעם ענין כפשוטו, וואָס מיר זיינען טמאי מתים[43], איז דאָס אויך דער תוכן הרוחני פון ענין הגלות: סיבת הגלות איז דאָך „חטאינו״ — אַז עס פעלט אין דעם „ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם״ — במילא[44] פעלט[45] אין דעם „חיים כולכם היום״.

און אפר הפרה — די טהרה פון טומאת מת — איז מרמז אויף דער גאולה פון גלות, די טהרה פון דעם מצב של פירוד מדבקות בה׳ אלקים חיים.

וי״ל אַז דאָס איז דער דיוק אין נבואת הגאולה[46] „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם״ — זריקה דוקא, דאָס הייסט, די טהרה על ידי הזאה — „הזית מי חטאת המעבירין טומאת המת״[47], וואָס די טהרה קומט בגלוי בביאת משיח צדקנו,

יבוא ויגאלנו במהרה בימינו ממש, ובלשון הרמב״ם — „מהרה יגלה אמן כן יהי רצון״.

(משיחת ז׳ מרחשון תשמ״ו)

---

שבכל פעם שנזכר צדיק בתורה „ספר בשבחו״*! והתירוץ בפשטות — כי כוונת התורה (לשון הוראה) היא ללמדנו הנהגה זו, ולזה די לכתוב כן במקום אחד. וק״ל.

41) ראה הנסמן בשוה״ג הא׳ להערה 33. ועוד.

41*) היינו שנוסף ע״ז שמצות פרה אדומה „מחייבת״ גילוי המשיח (כנ״ל סוס״ג) — הרי תוכן המצוה עצמה שייך להגאולה.

42) ראה ג״כ אוה״ת נ״ך ח״א ע׳ תקכג־ד. וראה לקו״ש חל״ג ע׳ 128.

43) כהלשון „כולנו טמאי מתים״ (ל׳ היראים ששכ״ה (בהשלם — סרע״ז). רדב״ז הל׳ בכורים פ״ה ה״ט. ב״ח יו״ד סשכ״ב. מג״א סתקס״א סק״ב. ובכ״מ). — וראה טיו״ד סשל״א „שהכל טמאים״; ראב״ד הל׳ נזירות (פ״ה הט״ו־יז) „והכהנים בזמן הזה טמאי מת הן״. ועוד. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית מע׳ אפר פרה בסופו (וש״נ). ועוד.

44) ואתחנן ד, ד. וראה אדר״נ פל״ד, י.

45) ובכמה ענינים נאמר מה לי קטלא פלגא מה לי קטלא כולי׳ (ב״ק סה, א. ב״מ צה, רע״א. חולין לה, סע״ב. וש״נ).

46) יחזקאל לו, כה.

47) פרש״י עה״פ שם. חדא״ג מהרש״א יומא פה, ב. וראה לקו״ש חי״ז (ע׳ 179. שם ע׳ 184) — סיומים על מס׳ יומא.

---

*) ראה השקו״ט במפרשי רש״י שם. לקו״ש ח״ה ס״ע 37 ואילך. ואכ״מ.